# גליון באור החיים

פרשת נשא - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתל"ד



הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרה"ג ר' משה יחיאל מערמעלשטיין שליט"א (בארא פארק)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן יוסף יהושע נ"י - עב"ג בת מוה"ר יואל חיים ווייזער הי"ו
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה


## קשוט עצמך ואח"כ קשוט אחרים

**נשא את ראש בני גרשון גם הם.**

כבר עמד רש"י הק' על תיבות 'גם הם' דלכאורה הוא מיותר.

ויבואר על פי שאמר הבעש"ט הק' כי כאשר האדם רואה דבר עוולה בחבירו, דומה לאדם המסתכל במראה, שרואה את מעשי עצמו, כן כאשר רואה מעשה עול בחבירו, הרי זה מורה שיש גם בו שמץ מעבירה זו, וצריך להתעורר מזה לפשפש במעשים, ומעשה היתה אצל הבעש"ט הק' אשר ראה פעם אחת שאחד חילל את השבת, והתבונן למה הראו זאת מן השמים, עד שנזכר שראה מעשה כשבוזי תלמיד חכם ולא מיחה בדבר, ולפי מדרגתו נחשב כפגם של חילול שבת, כי תלמיד חכם היא בחינת שבת.

ודברים אלה רמוזים במה שאמרו חז"ל קשוט לעצמך ואח"כ קשוט אחרים, כי בבוא האדם לקשט אחרים, לעורר אותם על תיקון מעשיהם, צריך תחילה למצוא חסרון זה בעצמו, ולקשט את עצמו בענין זה, ואז אפשר לו לקשט אחרים.

ובזה יבואר מה שאמר הכתוב נשא את ראש בני גרשון 'גם הם', שכאשר הצדיקים באו ל'נשא את ראש בני גרשון' הרומז לאלה המגורשים ומרוחקים מן הקדושה, צריכין הם עצמם לנשא את ראשם יחד עמהם, וזהו 'גם הם' שגם הם יתעוררו מזה לפשפש במעשי עצמם, ויחד עם בני גרשון, ינשאו גם את ראשם.

(פתג"ק נשא)

# באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

## נשיאות כפים הוא להמתיק הדינים לחסדים

**דבר אל אהרן ואל בניו לאמר כה תברכו את בני ישראל.**

בזוה"ק (ח"ג קמ"ה:) האריך לבאר הענין של נשיאת כפים של הכהנים, שעל ידי עבודה זו הם ממתיקין הגבורות בחסדים, כי כהני אתי מסטרא דימינא, דאיהו מדת החסד, כמו שכתוב (דברים ל"ג ח') תומיך ואוריך לאיש חסידיך, כמו מיכאל השר הגדול דאיהו מלאך של חסד, והוא הכהן גדול של מעלה, כן כהן גדול דלתתא אתי מסטרא דחסד, ולא אשתכח מסטרא דדינא, ובגין כך כתיב דבר אל אהרן ואל בניו לאמר כ"ה תברכו, מאי טעמא משום דאקרון חסידים, וכתיב (תהלים קמ"ה י') וחסידיך יברכוכה, יברכו כ"ה, ולכן בשעתא דפרסין כהני ידייהו, בעי לזקפא ימינא על שמאלא, כדי להגביר ימינא על שמאלא להמתיק גבורות בחסדים, ועל ידי זה נבען מבועין לכלהו עלמין, ומתברכין ומתשקיין כלהו, עכת"ד הק'.

הרי לנו מזה, כי זאת היא עבודת הכהנים, להמתיק הגבורות, ולהפכם לרחמים וחסדים, וזהו הענין שמצינו (ב"ב ק"ס:) דכהנים קפדנים הם, כי מפני שעבודתם להפוך הגבורה והדין לחסד, לכן ניתנה להם גם מדת הקפדנות שהיא משורש הגבורה, כדי שיעבדו להפוך מדה זו לסטרא דימינא, על ידי שישתמשו בה לצד הקדושה, וזהו הטעם במה שאמרו חז"ל (ברכות ל"ב:) כל כהן שהרג את הנפש לא ישא את כפיו, דכיון שהרג את הנפש, הרי השתמש במדת הקפדנות והכעס שלו לצד השמאל והקליפה, ובזה הפך הקערה על פיה, כי במקום להגביר סטרא דימינא על שמאלא הגביר שמאלא על ימינא.

(דב"ק פנחס)


פרנס פעולות האיחוד לחודש סיון
נתנדב על ידי הרבני החסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרה"ח יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין שליט"א
לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב
הרב החסיד ר' חיים נחום בן ר' יהודה ז"ל
יארצייט ביום י"ב סיון הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

**וידבר ה' אל משה לאמר, נשא את ראש בני גרשון גם הם לבית אבותם למשפחותם.** פרעגן די מפרשים, פארוואס שטייט לאמר, ער האט דאך נישט געברויכט צו זאגן דא פאר די אידן גארנישט, ער האט נאר געברויכט אזוי צו טאן, נשא את ראש בני גרשון.

טייטשן די ספרים הק' אין דעם פארשידענע הייליגע טייטשן על דרך המוסר. - מ'דארף וויסן, אז די אלע זאכן וואס מ'זאגט על פי דרכי המוסר, איז א חלק פון די תורה אליין, איין חלק פון די תורה איז דער לימוד המוסר, ווי דער פסוק זאגט (משלי ו' כ"ג) נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחת מוסר, דאס זענען די חלקי התורה, די מצוה, די תורה, און די מוסר שבו. דער של"ה הק' האט געבויעט זיין ספר אויף דעם פסוק, ביי יעדע מצוה איז ער מבאר דעם חלק המצוה, דעם חלק התורה, און דעם חלק פונעם דרך חיים תוכחת מוסר.

און דער חלק המוסר איז נאך מער, אז ס'איז אויך דער קיום פון די גאנצע זאך, פון די גאנצע תורה, אזוי זאגט דער פסוק, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, אויב דו וועסט צוהערן מוסר אביך, וועסטו נישט פארלאזן תורת אמך, כדי ס'זאל זיין אל תטוש, דארף זיין שמע בני מוסר אביך, אן מוסר ווייסט מען דאך גארנישט וואו מ'האלט, מוסר איז טייטש איבערגעבן, מיטן לימוד המוסר גיבט מען איבער די תורה, מ'גיבט צו פארשטיין ווי אזוי מ'דארף עס היטן.

על כל פנים, טייטשן צדיקים דא, אז בני גרשון איז מרמז אויף די אידן וואס זענען פארטריבן אין גלות, מיר זענען דאך אלע אין גלות, קודם איז יעדער מענטש ביי זיך אליין אין גלות, ער איז נרדף פונעם יצר הרע, און מ'איז אין גלות צווישן די אומות, וואו מ'וואוינט איז מען אלץ אונטער די אומות, און אידן אליין צווישן זיך זענען אויך אין גלות, מ'פארטראגט זיך נישט אזוי גרינג, אזוי זענען דא פארשידענע בחינות גלות, ס'שטייט אז וואו מ'איז, זענען דא ארבע גליות, פיר בחינת פון גלות ביי יעדן מענטש.

זאגט די תורה הק' א ציווי פאר משה רבינו, דאס מיינט דער צדיק פון יעדן דור, 'נשא את ראש בני גרשון', די אידישע קינדער וואס זענען פארטריבן אין גלות, זאלסטו זיי אויפהייבן, 'את ראש', זיי זאלן זיין בבחינת ראש, בבחינת ישראל, וואס איז נוטריקון לי ראש. דאס הייסט, זיי זאלן אין גלות אויך קענען זיך שטארקן אויפן יצר, און מקיים זיין די תורה ומצות ווי ס'דארף צו זיין, מיט מוחין דגדלות, דאס הייסט בחינת ראש, דאס דארף דער צדיק אריינשיינען אין זיי, ער זאל זיי נישט לאזן פארפאלן גיין, פארשלאפן ווערן.

ווי אזוי קען מען דאס מאכן, זאגט דער פסוק, 'לבית אבותם', יעדער איד האט אין זיך איינגעפלאנצט א שורש פון די אבות, די אבות מיט זייער מסירות נפש, האבן אריינגעלייגט א שורש אין יעדן איד, דאס איז דער כח פון די נקודה הפנימית, וואס מיט דעם כח איז יעדער איד גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטן, אז א מענטש איז דבוק צו דעם כח, קען ער בייקומען אלע נסיונות פונעם גלות. דארף מען אויפהייבן אידן לבית אבותם, זיי זאלן זיין דבוק צו דעם שורש פון די אבות וואס ליגט אין זיי, דורך דעם קען זיין נשא את ראש, קענען זיי אין גלות אויך זיין בבחינת ראש.

אויף דעם זאגט דער פסוק, 'לאמר', ווען ס'שטייט 'דבר אל בני ישראל', איז דאס א ציווי אויף דעמאלטס, איך הייס דיר זאגן די זאך פאר די אידן, אבער 'לאמר' איז טייטש, ס'איז צום זאגן, נישט אז דו דארפסט עס יעצט זאגן, נאר איך בין דיר מגלה די מצוה, און דאס איז צום זאגן אויף שפעטער אויך, דעמאלטס האט דאס געמיינט די פשטות, מ'זאל שטעלן די בני גרשון, און שפעטער טייטשט זיך עס אויף אן אנדערן אופן, אויף די אידן אין גלות, מ'זאל זיי אויפהייבן, דאס טייטש 'לאמר', זאלסטו וויסן אז ס'איז נוגע לדורות אויך, ס'איז נוגע בכל מקום ובכל זמן.

און אזוי זענען אלע מצות התורה נוגע לכל אדם בכל מקום ובכל זמן, אלץ טייטשט זיך עס ווי אזוי עס מיינט דעמאלטס, ס'זענען דא אין די תורה פיר חלקים, פשט רמז דרוש סוד, און אין יעדע פון זיי זענען דא ששים רבוא פירושים, און יעדע פון די ששים רבוא אליין, ווערט צוטיילט אויף נאך און נאך חלקים, די אלע טייטשן פון צדיקים זענען א חלק פון די ששים רבוא פירושים. נישט ווייל דער צדיק וויל עפעס טייטשן, אדער מאכן א ספר, זאגט ער א פירוש, נאר יעדער פירוש איז נאך א וועג אין די תורה, נאך א עצה, וואס דער אייבערשטער איז חונן דעת פאר דעם צדיק, ווי אזוי דער פסוק איז נוגע אויף יעצט, די ספרים זענען אלע ברוח הקודש געזאגט געווארן. און מיט די ווערטער וואס איז פון זיי געגומען, קען מען נאכדעם טייטשן ווייטער, מדמה זיין מילתא למילתא, און ציען נאך פירושים, די אלע וואס שרייבן נאך פון די צדיקים, און טייטשן מיט דעם ווייטער, מיט די הקדמה פון זיי, איז אלעס א חלק פון די תורה, פון די ששים רבוא פירושים שבתורה.

(עבודת עבודה שפתי קודש נשא)

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**ושמו את שמי על בני ישראל, אז מען וועט לאזן דעם אייבערשטן רוען צווישן יודישע קינדער, ואני אברכם, וועט מען זוכה זיין צו אלע ברכות.**

**(שפת"ק ח"א ר"ח)**

# א תורה אויף די פרשה

## נשא את ראש בני גרשון גם הם.

ווען א איד לערנט תורה דארף ער אינזין האבן אז זיין לערנען זאל קענע אנקומען אויבן אין הימל צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבירשטן.

זאגט אויף דעם רבי נחום טשערנאבל'ער זי"ע, אז דאס איז דער פסוק מרמז, 'נשא' זאלסט אויפהייבן 'את' די תורה וואס געפינט זיך דערין די אותיות פון 'א' ביז 'ת', 'ראש' צו דער אייבירשטן.

(רבי נחום טשערנאבלער זי"ע)

## כה תברכו את בני ישראל אמור להם יברכך ה' וישמרך.

לכאורה קען מען מדייק זיין אינעם פסוק, אז די אידן רופט מען מיט א לשון רבים 'להם', און די כהנים דארפן בענטשן די אידן מיט א לשון יחיד 'יברכך ה' וישמרך'.

קען זיין א רמז, אז די ברכת כהנים קען נאר חל זיין אויף די אידן אויב עס איז דא שלום און אחדות צווישן זיי, און זיי לעבן אזוי ווי איין מענטש.

(נועם מגדים)

## את עבודת משפחות הגרשוני לעבוד ולמשא.

מען קען מרמז זיין א שיינע כוונה אין דעם פסוק, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין ספה"ק אז בשעת די אידן זענען פארטריבן אין גלות, ווערן זיי אנגערופן 'בני גרשון'. און עס איז ידוע, אז כאטש די אידן ליידן טאקע אזויפיל צרות אין גלות, טאר מען זיך ח"ו נישט אפרעדן אויף דעם, נאר מען דארף אלעס מקבל זיין באהבה, און ווייטער דינען דעם אייבערשטן.

דאס זאגט דא דער פסוק, 'זאת עבודת משפחת הגרשוני', דאס איז די עבודה פון די אידישע משפחות וואס זענען נעבעך פארטריבן אין גלות, 'לעבוד' מען דארף ווייטער דינען דעם אויבערשטען בשמחה, 'ולמשא', און מען דארף פארטראגן דעם עול פון גלות, און אלעס מקבל זיין באהבה.

(ערוגת הבושם)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## והתודו את חטאתם אשר עשו והשיב את אשמו.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס באניצט זיך דער פסוק קודם מיט א לשון רבים, 'והתודו את חטאתם', און דערנאך מיט א לשון יחיד, 'והביא את אשמו'.

נאר מען קען דאס מסביר זיין, אז רש"י הק' זאגט, אז דער פסוק רעדט זיך פון א מענטש וואס האט געבארגט געלט פון זיין חבר, און שפעטער האט ער געלייקענט אז ער האט נישט געבארגט דאס געלט, און נאכדעם איז ער זיך יא מודה.

די גמרא זאגט אין מסכת בבא מציעא (דף ע"ה ע"ב), אז אויב א מענטש בארגט געלט פאר א צווייטן מענטש און ער פארלאנגט נישט פון דעם לוה אונטער צושרייבן אויף א שטר, איז דער מלוה עובר אויף דעם לאו פון 'לפני עור לא תתן מכשול', ווייל ער איז גורם אז דער לוה זאל אים נישט צוריק צאלן דאס געלט, ווייל אויב דער לוה וואלט געוויסט אז ער האט אונטער געשריבן אויף א שטר אז ער איז שולדיג דער מלוה דאס געלט, וואלט ער קיינמאל נישט געלייקענט אז ער האט געבארגט געלט ביי יענעם, ווייל ער ווייסט אז דער מלוה קען אויפווייזן אז ער זאגט ליגנט.

דאס קען זיין די פשט פארוואס דער פסוק הייבט אן מיט א לשון רבים, 'והתודו את חטאתם', ווייל דעמאלטס רעדט דער פסוק פון דער לוה צוזאמען מיט דער מלוה, וואס זיי האבן ביידע געזינדיגט, דער לוה האט געזינדיגט מיט'ן לייקענען, און די מלוה האט געזינדיגט מיט'ן בארגן דאס געלט אן א שטר, איבער דעם דארפן זיך ביידע מתוודה זיין, אבער שפעטער רעדט די פסוק נאר צו דעם לוה, 'והשיב את אשמו' ער זאל צוריק געבן די געלט דעריבער שטייט דארט א לשון יחיד.

(מלא העומר)

## ושמו את שמי על בני ישראל ואני אברכם.

עס ווערט געברענגט א רמז דא אין פסוק, אז א רביצין פון א חשוב'ע מענטש איז מער מכובד ווי סתם א פרוי צוליב איר מאנ'ס כבוד, די זעלבע ועל אחת כמה כמה איז ביי די אידן, אז די אידישע קינדער זענען חשוב'ער און טייערער און מער מכובד פון אלע מלאכי מעלה, ווייל אונז רופן זיך אויפן נאמען פונעם אייבירשטן און אונז זענען זיין פאלק, אזוי ווי א כלה, ווי עס שטייט וארשתיך לי לעולם.

דאס איז פשט דא 'ושמו את שמי על בני ישראל' אז מ'זאל רופן די אידן מיטן באשעפער'ס נאמען ווייל זיי זענען זיין פאלק, וועט ממילא זיין 'ואני אברכם' מיט אלע ברכות, און די פמליא של מעלה וועט זיכער מסכים זיין ווייל עס איז דאך אויך כביכול דעם באשעפער'ס כבוד.

(עבודת ישראל)

## יתן ה' אותך לאלה ולשבועה.

לכאורה איז זייער שווער, פונעם אויבערשטען גייט דאך נישט ארויס קיין שלעכטס, 'מאתו לא תצא הרעות'.

המשך בע' ה

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי מנחם מענדל מווארקא זי"ע

**דעם קומענדיגן דאנערשטאג בהעלותך | ט"ז סיון | הבעל"ט, געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פון הרה"ק רבי מרדכי מנחם מענדל בן הרה"ק רבי יצחק מווארקא זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי מנחם מענדל מ'ווראקא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקע"ט אינעם דערפל זאריק, צו זיין הייליגע טאטע באקאנט אלטס רבי איציקל ווארק'ער.

רבי מענדע'לע איז שוין פון אלטס אינג קינד געווען מורא'דיג באהאלטן, אפילו פון זיין פאטער פלעגט ער אויסבאהאלטן זיינע הייליגע מדריגות, ווי זיין פאטער פלעגט ניטאמאל וויסן פון ווי עס נעמט זיך צו אים אזעלכע מדריגות גבוהות ורמים.

איבער זיינע אינגע יארן ווערט דערציילט, אז רבי מנחם מענדל פלעגט פארברענגן אינאיינעם מיט זיין ברידער רבי יעקב דוד. איינמאל איז די מאמע געקומען צו לויפן צום טאטן רבי איציקל זאגענדיג: 'מ'קען מער נישט איבערטראגן דיין מענדל'ס שפיצלעך'. האט זיך רבי איציקל אויפגעשטעלט און זיך אנגערופן צו די רעבעצין: 'קום, אונז וועל מיר זיך צוטיילן מיט די זכות עולם הבא וואס מיר וועלן זוכה זיין בזכות פון אונזערע קינדער, איך וועל נעמען מענדעל'עס זכותים, און דו וועסט נעמען דוד'לס'. האט רבי איציקל אויסגעפירט: 'ביסטו דען מסכים צו דעם'???

רבי מענדעל'ע איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין הייליגע פאטער רבי איציק'ל מווארקא, און שפעטער האט ער זיך מקשר געווען צום הייליגן קאצקער זי"ע, און צום הייליגן בעל חידושי הרי"ם זי"ע.

### ס'איז ביטער אבער ס'איז גוט

רבי מענדעל'ע האט נאך בעוד חיי אביו מדריך געווען בהצנע לכת פאר א קלענערע צאל עובדי ומבקשי ה', מיט זיין דרך בעבודת השי"ת.

עס ווערט דערציילט אז דער הייליגער רבי שמחה בונם פון פרשיסחא זי"ע האט שוין פאראויסגעזאגט נאך ווען רבי מענדל'ע איז געווען א קינד, אז ער וועט אויסוואקסן א גרויסע מנהיג ישראל. ומעשה שהיה כך היה:

דער הייליגער רבי איציקל וואק'ער האט אמאל מיטגענומען זיינע צוויי קינדער רבי מענדל'ע און רי"ד מ'אמשינוב אויף א באזוך צום הייליגן רבי שמחה בונם מ'פרשיסחא. אנקומענדיג, האט זיי רבי שמחה בונם מכבד געווען מיט משקה וועלכע מ'פלעגט רופן 'אנגעלישע ביר'. נאכן טרינקן האט רבי שמחה בונם געפרעגט פונעם אמשינוב'ער צו ער האט הנאה געהאט פונעם געטראנק, האט ער געענטפערט, 'ס'איז גוט'. דאן האט רבי שמחה בונם געפרעגט פון רבי מענדל'ע, וואס ער זאגט צום געטראנק, האט רבי מענדל'ע געענטפערט, 'ס'איז ביטער, אבער ס'איז גוט'.

האט זיך רבי שמחה בונם אנגערופן צום פאטער רבי איציקל: 'זיכער וועט ער אויסוואקסן א גרויסע מנהיג ישראל'...

אט אזוי איז שפעטער געווען: נאכן פטירה פון זיין פאטער האט רבי מענדל'ע נישט געוואלט איבערנעמען דאס רבנות שטעלע אין שטאט על מקום אביו, טענה'דיג אז ער איז נישט פאסיג דערפאר, דעריבער האט מען דאן אויפגענומען הרה"ק רבי שרגא פייבל מ'גרינצא זי"ע, וועלכע האט פאר א קורצע צייט געפירט די שטאט ווארקא, ביז צו זיין פטירה א האלבע יאר שפעטער.

נאכן זיך דאן איינבעטן ביי רבי מענדלע'ע צו אנעמען דאס רבנות פאסטן אין שטאט, איז רבי מענדל'ע געקרוינט געווארן באדמור"ת אין שטאט ווארקא, אויפן באפעל, און ברכה פון רבו מובהק דער הייליגער קאצקער רבי זי"ע.

תיכף איבערנעמענדיג דאס רבנות אין שטאט ווארקא, זענען ווי א וואסער פלוס אלפים חסידים אנגעהויבן שטראמען, און אנקלאפן אויף זיין טיר, און פלעגן זיך קלאמערן בצילו הק'.

רבי מענדל'ע האט אויך מיט זיין אייגנארטיגן אופן אין דרך ה', מקרב געווען און מדריך געווען לבבות נשברות לאבינו שבשמים.

### פוילישע נאראנים

ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגן רוזשינער זי"ע ווער עס זאל ממלא מקום זיין נאך רבי יצחק מ'ווארקא, האט ער זי"ע צוריקגעפרעגט: 'פוילישע נאראנים, עטס קענטס נישט די גרויסקייט פון רבי מנחם מענדל'??

### שוב יום אחד

פאר א משך פון 9 יאר האט רבי מענדל'ע געדינט ברבנות אין שטאט ווארקא, ביז צו זיין פטירה, ט"ז סיון שנת תרכ"ח לפ"ק.

די לעצטע שבועות הארט בעפאר זיין פטירה, זענען געקומען צו פארן טויזענטער חסידים צו ווילן און פראווענען דעם יום טוב בצילו הק'. ווען עס איז געקומען אז רבי מענדל'ע זאל זאגן דברי תורה, האט זיך רבי מענדל'ע מיט זיין קורץ לשון געזאגט, 'חז"ל אמרו הוסיף משה יום אחד', און איז געבליבן שטיל, און נאך עטליכע רגעים ממשיך געווען 'מדעתו'.

זיין תלמיד רבי דוב בעריש מ'ביאלא זי"ע, איז געזיצן פונקט אנטקעגן איבער רבי מענדל'ע בשעת די דברות קודש, און איז תיכף ארויסגעגאנגען אינדרויסן, און אויסגעפלאצט אין א געוויין, ווען די ארומיגע חסידים האבן געזעהן זיין ביטערליך געוויין, האט מען אים געפרעגט פשט דערויף, האט ער געענטפערט, אז דער רבי האט מרמז געווען, אז דעם 'איין טאג' וואס משה האט מוסיף געווען איז אקעגן דעם 'איין טאג', וואס מען האט אונז אנגעזאגט פון 'שוב יום אחד לפני מיתתך', און דאס דארף געטועון ווערן 'מדעתו', מען דארף תשובה טון מיט דעת בעפארן נפטר ווערן.

תיכף נאך יום טוב איז רבי מענדל'ע שטארק קראנק געווארן, און איז געפארן זיך היילן אין ווארשא, און דארט איז ער נפטר געווארן לחיי עולם הבא.

איבער זיין פטירה ווערט צוגעצייכענט, אז רבי מענדל'ע איז נסתלק געווארן אום שבת קודש פרשת בהעלותך בשעת קריאת התורה, האלטענדיג ביים פסוק 'ויהי בנסוע הארון', דאן איז געווען יצאה נשמתו בטהרה.

### 'השותק' - דער רבי וואס שווייגט

איינע פון די שטארקע זאכן וואס זענען באוואוסט פון רבי מענדל'ע איז, אז ער פלעגט צו יעדע צייט זיין א 'שותק'. מען פלעגט אים רופן מיטן נאמען 'השותק', דער רבי וואס שווייגט. רבי מענדל'ע פלעגט זייער זעלטן ארויס רעדן א ווארט פון מויל, אפילו אין דברי תורה פלעגט ער רעדן גאר קורץ. די קורצע רייד וואס פלעגט

המשך בע' ו

## כל הבא לעבוד עבודת עבודה ועבודת משא באוהל מועד

רש"י הק' ברענגט א דרשת חז"ל פון מסכת ערכין (דף י"א ע"ב), אז עבודת עבודה גייט ארויף אויף די מצלתים וכנורות, וואס דאס איז אן עבודה פאר אן אנדערע עבודה, פון דא זעהט מען אז די ענין פון שירה איז זייער א גרויסע זאך.

די הייליגע אהבת שלום האט געזאגט אז די עיקר שורש און מקור צו נגינה, קומט פון די כח פון די לוים, ווען זיי זענען געשטאנען אויף די דוכן און געזינגען שירות ותשבחות פאר'ן אייבערשטן און דורך דעם אויפגעוועקט די הערצער פון אידישע קינדער און זיי צוריק מקרב געווען צום אייבערשטן, די זעלבע איז אויך היינטיגע צייטן, ווען אידן זינגען ניגונים און זיי זענען זיך מעורר צו ווערן נענטער דורכדעם צום אייבערשטן, דאס אלעס איז נאך מיט די כח פון די לוים, און דאס איז מרומז אין זייער נאמען 'לויה' וואס דאס איז א לשון פון באהעפטן, וואס דאס איז דביקות אין אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וילוו עליך וישרתוך', און אויך איז מרומז אין זייערע נעמען זעלבסט, ווייל די ראשי תיבות פון די נעמען 'ג'רשון ק'הת מ'ררי' איז בגמטריא 'מנגן', דאס איז מרמז אז זיי האבן די כח הנגינה.

*

עס שטייט אין תיקוני זוהר, אז עס איז דא אויבן אין הימל א היכל וואס איז מורא'דיג הויעך, גבוה מעל גבוה, וואס דאס הייסט היכל הנגינה, און אלע נשמות פון דארט זענען נשמות פון הייליגע אידן וואס זינגען שירות ותשבחות פאר'ן מלך יוצר כל, און זיי זינגען דורך די שם אקי"ק במילוי אלפי"ן, וואס דאס גיבט שפע פאר די היכל, וואס דאס איז גמטריא קמ"ג כמנין 'מנגן', און די שם האט אריינגעשיינט אין די משפחות פון די לוים, בשעת זיי זענען געשטאנען אויף די דוכן און געזינגען שירה.

*

עס שטייט אין די משנה אין מסכת שבת (דף נ"א ע"ב), כל בעלי שיר יוצאין בשיר ונמשכין בשיר ומזין עליהן וטובלין במקומם.

די הייליגע חוזה פון לובלין זי"ע טייטשט אריין אין די משנה 'יוצאין בשיר' שיוצאין מכל רע ח"ו בשיה, 'ונמשכין בשיר', אז מען ווערט נאנט צום אייבערשטן דורך די שיה, 'ומזין עליהם בשיר', לשון מזונות ווייל דורכדעם וואס די גבורות גייט אוועק דורך תשובה קומט פרנסה, 'וטובלין במקומן', אז שירה איז גערעכנט ווי א מקוה.

*

רבינו הק' זי"ע זאגט אין עבודת עבודה, אז בשעת מען זינגט שירות ותשבחות, קען א מענטש ווערן זייער דערהויבן, ווייל א ניגון האט א כח צו אויפוועקן די נקודה פנימית פון א מענטש, און אלע זיינע הרגשים ווערן נתעורר דורך דעם, און אזוי קען מען נענטער ווערן צום אייבערשטן, און דאס איז די טעם פארוואס די בעש"ט האט איינגעפירט זיך צוזאם נעמען שבת צו זינגען זמירות באחדות כאיש אחד בלב אחד, ווייל אזוי האט עס נאך א שטערקערע כח.

און בפרט זמירות אין שבת האט אן עקסטערע כח, אזוי ווי עס שטייט אין תיקו"ז, 'מזמור שיר ליום השבת' די שירות פון שבת האט א כח פון מזמור א לשון פון פארשניידן, אז ס'שניידט אוועק אלע קליפות.

*

עס שטייט אין ספה"ק אמרי נועם אז שבת קען מען נישט בעטן די צרכים, נאר מען קען נאר לויבן דעם אייבערשטן און אזוי ווייסט דער אייבישטער וואס מען דארף, און די אמרי נועם טייטשט עס אריין אין די פסוק 'טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע', נאך פאר'ן בעטן נאר עוד הם מדברים זיי זאגן נאך שירות ותשבחות, דעמאלטס גיבט שוין די אייבערשטער וואס מען דארף.

די פארלאפענע שנת תשפ"א, בעת ווען הרבנית הצדיקת מ'האדאס מרת צירל ע"ה איז געווען נישט געזונט, האט מרן רבינו שליט"א דאן מעורר געווען די תלמידי הישיבה בעת די סעודה פרייטאג צונאכטס, אז מען זאל איר אינזינען האבן ביי די ברכה פון 'אתה גבור', זאגענדיג טאקע די ענין, אז א גאנצע וואך ווערט מען געהאלפן פאר א רפואה ביי רפאנו, אבער שבת קודש ווערט מען שוין געהאלפן ביי אתה גבור בשעת מען לויבט אויף רופא חולים.

---

המשך מע' ג

ענטפערט דער קדושת לוי, אז עס איז דא צוויי וועגן וויאזוי דער אייבישטער שטראפט די רשעים. ס'איז דא אמאל ווען ער שטראפט באהאלטן און קיינער ווייסט נישט, אבער אמאל שטראפט ער אפן ווען יעדער האלט מיט, און דאס איז למעשה א חסד פאר יענעם באטראפענדן, ווייל דורך דעם האט זיין נשמה א עלי', אז דורך אים איז נתקדש געווארן שם שמים ברבים. דאס איז אויך פשט ביי די שירה 'וירא ישראל את היד הגדולה', לכאורה איז שווער ווייל יד הגדולה גייט אייביג ארויף אויף חסד, און וואספארא חסד איז געווען ביי די מצריים, אויף דעם ענטפערט די פסוק 'וייראו העם את ה'' ממילא איז דורך זיי געווען א קידוש השם, דאס איז די חסד וואס דער באשעפער האט געטוהן מיט זיי.

און דאס איז אויך פשט דא, 'יתן ה' אותך לאלה ולשבועה בתוך עמך כו'', און דאס איז א חסד פאר איר, אז דורך איר ווערט נתקדש שם שמים און דאס איז די חסד פונעם אויבערשטער (קדושת לוי)

המשך מע' ד

ארויסקומען פון זיין הייליגע מויל, פלעגט זיין טיפזיניגע עמקות'דיגע רייד.

רבו מובהק, דער הייליגער קאצקער האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי מענדל'ע: 'אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם ובכל הארץ יצא קום'.

עס ווערט געברעגנט אז זיין תלמיד, דער הייליגער רבי אברהם דוב מ'ביאלא זי"ע, פלעגט מפרש זיין רבי מענדלע'ס קורצע דברות קודש באריכות, און די תלמידים האבן זיך באצויגן אויף יעדע ווארט פון זיינע קורצע רייד וואס רבי מענדל'ע האט ארויסגערעדט מתוך מפיו הק', און געבויעט דערויף סברות און בנינים וואס רבי מענדל'ע האט דערמיט מכווה געווען, און אזוי ארויסגעלערנט הדרכה למעשה.

## יראת ה' טהורה

ביי רבי מענדל'ע פלעגן קומען צו פארן טויזענטער חסידים פון ארום גאנץ פוילן, און די שולחנות הטהורות פלעגן זיך פארציען אסאך מאל נאנט צו זעקס שעה, און רבי מענדל'ע איז דורכאויס די גאנצע צייט געזיצן פאר'דביקות'ט, בשעת דעם וואס די גאנצע ביהמ"ד איז געווען שטיל, ווי יעדער האט זיך צוגעקוקט אויפ'ן צדיק'ס העכערקייט, ווי יעדער האט געווארט אויפן מאמענט ווען רבי מענדל'ע וועט עפענען זיין הייליג מויל און משמיע זיין מדברי תורתו.

דער הייליגער קאצקער, האט אמאל געפרעגט פון רבי מענדל'ע, פארוואס ער זאגט נישט קיין תורה פאר זיינע חסידים וועלכע קומען ווילן בצילו.

האט רבי מענדל'ע געענטפערט דעם מאמר חז"ל, אין פסחים כ"ב: 'שמעון העמסוני ואמרי ליה נחמיה העמסוני היה דורש כל אתים שבתורה, כיון שהגיע לאת ה' אלקיך תירא פירש', ע"כ. מיטן קורצן לשון פון רבי מענדל'ע האט ער מכוון געווען צו מרמז זיין, אז צוליב זיין גרויסע יראת ה' וואס ער האט, איז אים אוממעגליך צו עפענען זיין מויל, און זאגן דברי תורה.

*

רבי מענדעל'ע פלעגט יעדן טאג זיך נוהג זיין צו גיין שפאצירן טעגליך. רבי מענדל'עס תלמיד, רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע האט געזאגט, אז דאס וואס רבי מענדל'ע גייט שפאצירן יעדן טאג, איז נאר צוליב דעם ווייל עס ברענט אין אים א שטארקע 'יראת שמים', אז ער קען נישט פארבלייבן אין זיין שטוב...

## בקרב קדושים תהלל

רבי יחיאל מ'אלכסנדר זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי יצחק מ'ווארקא אז ער איז בבחינת אברהם אבינו ע"ה, און אויף רבו מובהק רבי מענדל'ע אז ער איז בבחינת יצחק אבינו ע"ה.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.







בס"ד

חברה קנין ספרים
אוצר שלמה פרידמאן
שע"י
בית המדרש התאחדות אברכים ד'טאהש
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# הודעה על העבר

ווי יעדער איינער זעהט האט מען ב"ה אין די לעצטערע וואכן און
חדשים אריינגעלייגט גרויסע כוחות אהערצושטעלן די חק"ס מיט

## נייע ספרים און ספרים שענק

אריינגערעכנט
**ספרי הלכה - ספרי שו"ת - גמרא - ארטסקרול - מתיבתא**
ועוד ידינו נטויה בעז"ה להלאה

אויב האט איר סי וועלכע הערות, וויאזוי בעסער
צו מאכן אדער א ספר וואס פעלט נאך
ביטע זיך מעלדן צו
מו"ה מרדכי הערשקאוויטש הי"ו

יישר כוחכם למפרע
הגבאים

נ"ב נא להחזיר כל הספרים במקומם אחר הלימוד.

טבלא


תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

בעוהשי"ת

## לכבוד די טייערע און חשוב'ע עלטערן,
## זיידעס און באבעס שיחי' עמו"ש

מיר האבן די כבוד און פארגעניגען אייך איינצולאדענען זיך
מיטצופרייען מיט אונזער שמחה פון די

# חומש סעודה

לרגל די התחלת לימוד תורה שבכתב דורך די תלמידים אין כתה א',
וואס וועט פארקומען בעזהשי"ת בשעטו"מ

**דינסטאג פרשת בהעלותך, י"ד סיון תשפ"ה**
**בשעה 1:30 בדיוק**
**בהיכל ביהמ"ד ברכת שמים קאשוי**
*48 Suzanne Drive, Spring Valley N.Y*
(בבנין ביהמ"ד תולדות אהרן למטה)
**בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

מיר ערווארטן אייך צו זעהן זיך מיט פרייען מיט די שמחה און
השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע
אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער, אמן!
ווי עס וואונטשן

הנהלת התלמוד תורה
המלמד חיים ראטטענשטיין

# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"ז סיון | הרה"ק רבי אהרן בן רבי אשר זי"ע - מ'קארלין - בית אהרן | תרל"ב |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"א סיון | הרב החסיד ר' שמשון צבי בן ר' יצחק ע"ה געלב<br>גבאי נאמן בבית מדרשינו וומסב"ג | תשמ"ט | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב סיון | הרב החסיד ר' חיים נחום בן ר' יהודה ע"ה מערמעלשטיין | תשל"ה | ביה"ח ניו דוערסי (קאסאן) |
| ט"ו סיון | הגה"צ ר' אלעזר ארי' בן רבי אשר אנשיל יונגרייז זצ"ל מ'טשענגער | תש"נ | ביה"ח בקרית יואל |
| ט"ז סיון | הרב החסיד ר' יעקב בן ר' מאיר ע"ה פיש | תש"פ | ביה"ח בקרית יואל |

ובאו כלם בברית יחד
נעשה ונשמע אמרו כאחד



מיט'ן
השתתפות
פון
לכה"פ

# אלע אנשי שלומינו
# כאיש אחד בלב אחד!

וועלן מיר
נעמען א חלק
**אין דעם עתיד פון**
**אונזערע דורות**
דער הייליגער
טאהש'ער
תלמוד תורה.

דער אחריות'דיגער השתתפות אי

פאר אלע ה

– בהווה אדער בע


www.Artistic Group
$1,80
תלמוד תורה
טאהש
מאנסי יצ"ו
תלמוד תורה
טאהש
מאנסי יצ"ו
אריינשיינען אין אור, אין אונזער קומענדיגע דור.
קְבִיעִין
כֵּן תֶּהֱווֹן
בְּהַנְהוּ
חֲבוּרָתָא!
ינעם מוסד
תלמידי וחסידי טאהש אין מאנסי
תיד.

בעזרת השם יתברך

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת הננו מתכבדים להזמין את מעלות כבודכם

לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**מאיר יצחק הכהן** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
**פרומט ברכה** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "וביום שמחתם ובמועדיכם" (בהעלתך)
י"ד סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם JUNE 10)

קבלת פנים בשעה 6:00 - והחופה בשעה 7:00

באולם אטריאם
401 NY ROUTE 59, MONSEY, NY

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
בנימין הכהן פישער וב"ב
קרית טאהש, קאנאדא
חתן ר' מענדל הכהן ענגעל ע"ה
וזוגתו סעריל הענטשא ע"ה

הורי הכלה
דניאל הלל פיליפסון וב"ב
מאנסי יצ"ו
בן הרה"ח ר' שלמה ז"ל

---

בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**יוסף יהושע** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה
**מירל** תחי'

שתתקיים בעזרת השי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום שלישי לס' "וביום הקים את המשכן" פרשת בהעלותך
י"ד סיון תשפ"ה לפ"ק הבעל"ט
ולמספרם JUNE 10

קבלת פנים בשעה 6:30 החופה בשעה 7:30

באולם אהלי פרידא
1345 37TH STREET - BROOKLYN

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
משה יחיאל מערמלשטיין וב"ב

הורי הכלה
יואל חיים ווייזער וב"ב

---

**למען אחי ורעי אדברה נא שלום**

הנני בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה בהזמנה פרטית, את כל אוהבי וידידי וחברי היקרים שיחי' ששהיתי אתכם ביחד, בצילא דמהימנותא קדישא של כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א, וכל דופקי שעריו די בכל אתר ואתר, לבא ולהתעלס באוהבים ביום שמחת לבי וכלולתי בשעטומ"צ.

ובכן לעת כזאת אשר הנני עומד לפני יום הקדוש והנורא יום חופתי בשעטו"מ, כידוע מספרי קודש גודל מעלת יום זה מכובד מכל הימים, והנה קיי"ל שבין אדם לחבירו אינו נתכפר עד שיפייס וירצה את חבירו.

ובפרט מדי עמדי לשרת על משמרת הקודש, ומחמת הלחץ זו הדחק מטירדותי במלאכת הקודש או כשגגה היוצא נכשלתי בפגיעה בכבוד אחרים, על כולן אתחרטנא בהון, והנני בזה לחלות ולבקש בכל לשון של בקשה, נא ונא שכל מי שפגעתי בכבודו או ציערתי באיזה אופן שיהי', הן בשוגג הן במזיד, במתכוין ושלא בתמכוין, שיעשה אתי חסד ואמת וימחול לי במחילה גמורה בחסד וברחמים בלב שלם.

וכן אם נתחייבתי לאחד ממון, נא ונא להודיענו ואשלם לו בעזה"ה בלי"נ במיטב, או שימחול לי בלב שלם.

ובזכות זה יעזור השי"ת ויעשה גם אתנו חסד ואמת ויקבל את תפילותינו לרחמים ולרצון עדי נזכה במהרה לעוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה ומלכנו בראשינו בב"א.

**ועזבאה"ח בברכת אי"ה ביי אייך אויף שמחות**
**ידידם החתן המצפה לקראת בואכם לשלום**
**מאיר יצחק פישער, משב"ק**

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

---


ארייִנצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
718.451.8674
עקסטענשן
840

# וַיְהִי בִּנְסֹעַ

בולעטין #1

פרטים און דעטאלן איבערן
מסע הקודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
לעיר האבות
טאהש, אונגארן
כ"ח סיון תשפ"ה

## הנם ימים באים

# כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א נעמט אונטער "מסע הקודש" לעיר אבותיו הקדושים "טאהש - אונגארן" צום יומא דהילולא קדישא פון רבינו השרף זי"ע כ"ח סיון הבעל"ט

מיט התרגשות דקדושה נעמען אנשי שלומינו די בכל אתר אויף די בשורה מרנינה אז כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט זיך בע"ה ארויסלאזן אויף א "מסע הקודש", קיין עיר המקודש "טאהש-אונגארן", מתפלל זיין און מעורר רחמים זיין על הכלל והפרט, ביומא דהילולא קדישא של זקינו ראש שלשלת הקודש, רבינו השרף מרן משולם פייש סג"ל זיעועכי"א אב"ד ור"מ דק"ק טאהש, כ"ח סיון, דינסטאג פרשת קרח הבעל"ט.

מטעם קהלתינו הקדושה זענען נתמנה געווארן בעז"ה צוויי באזונדערע באזעס פון געניטע עסקנים וועלכע וועלן פארפיגן אויף די "מסע הקודש".

איינס וועט בע"ה שטיין אין שפיץ די לאנג יעריגע עסקני "חצר הקודש טאהש - אונגארן", וועלכע וועלן אויספלאנירן און צוגרייטן אלע נויטיגע צוגרייטונגען אנגעהובן פון ווען דער ציבור וועט לאנדען אין אונגארן, ביז ווען מ'קערט זיך צוריק צום פליגער אויפן וועגן אהיים, אנגעפילט מיט זעק פון ישועות ורפואות.

די צווייטע ועד הנסיעה וועט בע"ה אוועקשטעלן אלע נויטיגע צוגרייטונגען וועלכע פעלט זיך אויס פאר אנשי שלומינו די בכל אתר וועלכע ווילן מיטפארן און מיטהאלטן די התרומות'דיגע מסע הקודש.

הפרטים באים בעזהשי"ת.

## אנשי שלומינו קוקן איבער צו די פאספארטן זענען גילטיג צו קענען פליען מיטן מסע הקודש

די הרגשים צום גרויסארטיגן "מסע הקודש" וועלכע כ"ק מרן רבינו שליט"א האט אונטערגענומען לעיר האבות טאהש - אונגארן, שפילן אויף די העכסטע טענער אין די הערצער פון אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר צו מיטהאלטן דעם דערהויבענע נסיעה.

זיך גרייטענדיג צום "מסע הקודש" - געבן איבער די עסקני הנסיעה - אז עס איז וויכטיג די אלע וועלכע פלאנירן זיך צו באטייליגן, זאלן זיכער מאכן איבערקוקן צו מ'האט אין באזיץ א גילטיגע פאספארט.

עס איז וויכטיג אינאכט צו נעמען אז צו קענען פליען אונטערנאצינאל דארף די פאספארט זיין גילטיג פאר די קומענדיגע 6 חדשים.

## נאסטאלגישע הייליגע זכרונות פון די גרויסע היסטארישע "מסע הקודש" פון רבינו הקדוש זי"ע בהלך נרו עלי ראשינו - כ"ח סיון שנת תשס"ב



הערליכע שילדן לענגאויס די שטאט "טאהש - אונגארן" באגריסענדיג דעם ציבור ביי די היסטארישע "מסע הקודש" בשנת תשס"ב


בס"ד
זמן מתן תורתנו מקר"א קודש
דער הייליגער יום טוב שבועות,
זמן מתן תורתינו, רופט צו דיר:
טייערער איד,
כאפ זיך מיט
די נאר טועם אביסל, וועסטו זען אז
עס איז מתוקים מדבש ונופת צופים!
דער רבונו של עולם ווארט אויף דיר
די הייליגע תורה ווארט אויף דיר!
דיין נשמה ווארט אויף דיר!
חבורת מזון הנפש
ווארט אויף דיר!
איך נישט יעצט, דאן ווען דען?!


בס"ד
זמן הבחינה
יום א' בהעלותך
משעה: 8:00
עד שעה: 9:30
מסכת עבודה זרה
מסכת בבא בתרא
בחינה ראשונה
הפך בה והפך בה,
ומיניה לא תזוע


סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל
הדרינ"י
בס"ד
האי איש חי ורב פעלים מוה"ר
יצחק שמואל פויגעל
הי"ו
משמש נאמן דבית מדרשינו המפואר
לרגל השמחה השרויה במעונו
הולדות בנו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ועד הקרן הבנין
ביהמ"ד אהל מרדכי ד'טאהש


בעזהשי"ת
ישיבה גדולה אור החיים ד'טאהש
מזלא טבא וגדיא יאה
סיימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל
הרה"ג ר'
שניאור זלמן רובינשטיין
שליט"א - ר"מ בישיבתינו הק'
לרגל הולדות בתו
הרה"ג
אלימלך לאווען
שליט"א
המברכים: תלמידי הישיבה

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

נשא - תשפ"ה לפ"ק

## מאנטאג פר' במדבר

נאכמיטאג האט רבינו שליט"א געדאווענט תפילת מנחה בבית האכסניא אין וויליאמסבורג, צום עמוד איז צוגעגאנגען מו"ה מרדכי סג"ל קרויס הי"ו.

שפעטער האט זיך דער רבי ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים למעון קדשו אין קריתינו הק'.

ביינאכט האט כ"ק אדמו"ר מ'פאפא שליט"א געגרופן דעם רבי'ן אפנעמען די מזל טוב צום געבורט פונעם אייניקל ביי הרה"צ רבי יעקב סג"ל שליט"א.

## דינסטאג פר' במדבר - ערב ר"ח

אינדערפרי האט דער רבי אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים און תפילת השל"ה ביים ציון הקדוש פון רבינו הקדוש זי"ע, לפעול דבר ישועה ורחמים לנו ולכל ישראל.

## דאנערשטאג פר' במדבר

מיטאג צייט איז פארגעקומען א הערליכע מעמד "חומש סעודה" פאר ילדי כתה א' פון תלמוד תורה, אין ביהמ"ד הגדול וועלכע איז געווען מייסטערהאפטיג אויסגעשטעלט, מיט א ספעציעלע פלאטפארמע פאר די חומש אינגלעך מיט די קרוינען, אזוי אויך איז געווען צוגעשטעלט א הערליכע קונטרס מיט אלע פזמונים און ניגונים.

ערשיינענדיג צום מעמד, האט זיך דער רבי באגריסט מיטן אויבן אן, צווישן זיי כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און הגה"צ רבי יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א אב"ד ראשית חכמה, וועלכע האבן א אייניקל אין כתה א'.

דער געטרייער מלמד הר"ר אשר וויינבערגער שליט"א האט געפרעגט שאלות פון די קינדער, און די עלטערן מיט די זיידע'ס זענען געזיצן ביי די ספעציעלע דעזיגנירטע פלעצער און געשעפט נחת.

מיט פאסיגע ווערטער האט אויפגעטרעטן דער מנהל הר"ר ישעי' סג"ל קרויס שליט"א, נאכן מעמד זענען אלע חומש אינגלעך אריבער דעם רבי'ן, און באקומען א תהלים און א האניג קוכן. דערנאך האבן זיך די חומש אינגלעך אינאיינעם מיט די עלטערן און זיידע'ס ארויסגעלאזט אין געהויבענע ריקודין לכבודה של תורה.

◇

פארנאכטס האט דער רבי געדאווענט תפילת מעריב פארן עמוד, און געצינדן ליכט און פארגעלערנט משניות, לרגל די יארצייט פון זקינתו הרבנית הצדיקת עלא ז"ל בת הרה"צ רבי צבי אביגדור פיש זצ"ל, וועלכע די יארצייט געפאלט אום ג' סיון.

דערנאך האט דער רבי משמיע געווען ברכת הקודש דורך א לייוו הוק אפ, פאר די מסיבה לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו אין קרית יואל, וועלכע איז פארגעקומען אין שטוב פון מו"ה שמחה מאירוביץ הי"ו אין קרית יואל.

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביים מחותן כ"ק אדמו"ר מ'חוסט שליט"א, טאטע פון הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, וועלכער איז געזיצן שבעה על פטירת אחיו ז"ל.

שפעטער ביינאכט האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים יארצייט סעודה פון די מומע אשת הרב ר' יו"ט ליפא ווייס ז"ל, וועלכע די יארצייט געפאלט ג' סיון, וואו עס האבן זיך משתתף געווען די בני המשפחה.

## עש"ק פר' במדבר

פארטאגס איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד פון ישיבה קטנה אין קריתינו הק', ווי די תלמידים האבן געלערנט עטליכע שעות רצופות, דערנאך איז פארגעקומען א דערהויבענע תפילת שחרית כותיקין, מיט א ברען.

## שבת קודש פר' במדבר

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די לעכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים

אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן בן הרה"ג אברהם אלימלךניימאן שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, דערנאך אנגעוואונטשן ברכות לרוב פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און קבלת שבת, נאכן דאווענען האט מען געזינגן די 'גוט שבת' ניגון, דערנאך איז די ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים בהיכל הכוללים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן החתן אלעזר ני"ו בן מוה"ר שלמה פריעדמאן ע"ה פון בארא פארק.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר די בחורים.

דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור פאר כל הקהל הקודש בהיכל ביהמ"ד הגדול, ווי עס זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, אב"ד קלוזש שליט"א, הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד הי"ו פון לאנדאן, הרב מרדכי קרויס שליט"א פון קרית יואל

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש כהכנה לקבלת התורה.

ברהמ"ז על הכוס הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, שיר המעלות הב' יצחק אייזיק יחיאל סג"ל גאלדשטיין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה. שבח נותנים מוה"ר שמואל דוד גוטמאן הי"ו פון קרית יואל, יו"ר מכון עבודת הלוים.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, פסוקי דזמרה האט געדאווענט העסקן מוה"ר משולם זושא זילבער הי"ו פון וומסב"ג, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרב יואל יעקב מייזליש שליט"א פון וומסב"ג.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, לוי החתן אלעזר פריעדמאן ני"ו פון בארא פארק, שלישי הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו לרגל די יארצייט פון אביו ע"ה, רביעי מו"ה דוד לייב שאלאמאן הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, חמישי מוה"ר שמואל דוד גוטמאן הי"ו, ששי הרה"ג ר' משה אלי' רובין שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, שביעי החתן בן מוה"ר אהרן שלמה ווייס הי"ו פון וומסב"ג, הסופות: הרה"ג ר' אברהם אלימלך ניימאן שליט"א ר"מ בישיבה קטנה, הרה"ח ר' אהרן שלמה ווייס הי"ו פון וומסב"ג, הרב מרדכי קרויס שליט"א פון קרית יואל נכד רבינו שליט"א, החתן יוסף מנחם ניימאן ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד הי"ו פון לאנדאן. אחרון הרה"צ רבי אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי שליט"א פון קרית יואל, נכד רביה"ק זי"ע.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה מוה"ר זיידא ראטטענבערג הי"ו פון מאנסי חבר הנהלת ישיבתינו הק' תפארת משולם פייש בניו יארק, גלילה מוה"ר יואל הערש פויגעל הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט יורד געווען לפני התיבה צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות בן מוה"ר מאיר לעבאוויטש הי"ו פון בארא פארק.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די קידושא רבה פונעם רבי'נס איניקל, בת הנולד להרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן ור"מ בישיבה גדולה. דער רבי האט געמאכט קידוש על הכוס, מיט הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מוה"ר יואל סג"ל שווארץ הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט טועם געווען פון די פערפעל און פארטיילט שיריים, די עולם איז אריבער וואונטשן מזל טוב, בשעת מען זינגט ניגוני שמחה לשמוח בשמחת בית צדיקים.

⋄

קורץ דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן מוה"ר יוסף שאול אמסעל הי"ו פון וומסב"ג.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו

פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' שמואל בער לייפער ני"ו פון קרית יואל.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◇

שבת נאכמיטאג האט הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר אליעזר הערש שפיטצער הי"ו, די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק, שני הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי, שלישי הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו מגבאי ביהמ"ד הגדול. הגבה כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, גלילה מו"ה אשר אנשיל בערגער הי"ו חבר הנהלת האיחוד.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א חדב"ן, הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א פון לינדען, מוה"ר נפתלי צבי ברוך הכהן לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג, מוה"ר יצחק שמעון אסטערייכער הי"ו פון קרית יואל.

רבינו שליט"א האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר יצחק נפתלי סג"ל קרויס הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' יהוסף שווארץ ני"ו.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מו"ה יוסף חיים וויינגארטן הי"ו פון קרית יואל, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר ישראל סג"ל קרויס הי"ו פון קרית יואל, חבר הנהלת האיחוד.

ביי די שיחות קודש האט דער רבי דערציילט פונעם הייליגן בעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג ערב חג השבעות

במשכ'ן טאג האט דער רבי אויפגענומען די ציבור אורחים החשובים לברך ולהתברך, בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## ליל א' דיו"ט

אריינקומענדיג אין היכל הבית המדרש הגדול האט זיך אנטפלעקט א הערליך בילד, די ביהמ"ד איז געווען הערליך שיין באצירט מיט בלומען און רויזן, ארום דעם ארון הקודש און די באלעמער כנהוג, און א ספעציעלן חופה העכערן פלאץ פון רבי'ן.

צו תפלת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, דער רבי האט געדאווענט מעריב פארן עמוד, און אלע תפילות די ערשטע טאג יו"ט, צו די יארצייטן פון די משפחת המלוכה פון רביה"ק זי"ע. נאכן דאווענען איז דער ציבור אדורך לברך ולהתברך בברכת 'א גוט יום טוב'.

◇

שפעטער איז זיך דער עולם צוזאמגעקומען צו תיקון ליל שבועות א גאנצע נאכט. ארום 1:30 איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו

במשכ'ן טיש האט מען געזינגען ווארימע תורה ניגונים לכבוד יו"ט שבועות, בפרט די הייליגע אהבה רבה ניגון מיט גרויס התעוררות און השתפכות הנפש, און הרה"ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א האט פארעזינגען די ניגון קבלת התורה.

צווישן די כיבודים זענען מכובד געווארן מיט די זמירות'ן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א משגיח ושו"מ בישיבה"ק תפארת משולם פייש ניו יארק, שיר המעלות הב' אלעזר ארי' סג"ל יונגרייז ני"ו.

## יום א' דיום טוב

דער רבי האט געדאווענט אלע תפילות און הלל פארן עמוד מיט גרויס התעוררות.

נאך אתה הראת לדעת איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש, און בחרדת קודש אנגעהויבן זינגן קאפיטל השמים מספרים, און דערנאך פתיחת הארון און זינגן דעם קאפיטל לדוד מזמור, עס האט געהערשט א גרויסע התעוררות ביים זינגן די מקובל'דיגע ניגונים הכנה לקבלת התורה.

נאך לאנגע מינוטן וואס דער עולם איז אריבער קושן די ספר תורה איז דער רבי ערשינען אויפן באלעמער, מ'האט אויסגערופן כהן הרה"ח ר' חיים שלמה הכהן שווארץ הי"ו, און דער רבי האט פארגעזאגט דעם אקדמות מיט גרויס התעוררות.

דערנאך האט מען ממשיך געווען מיט קריאת התורה,

לוי האט עולה געווען מוה"ר ישראל הערש פריעדמאן הי"ו, שלישי הרה"ג ר' אלכסנדר בלויא שליט"א ראש חבורת עבודת עבודה מאנטריאל, רביעי עשרת הדברות הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו, חמישי הרבני החסיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מו"ה אברהם טרעפ הי"ו, פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, און עולה געווען מפטיר, הגבה אויפן צווייטן ספר מו"ה חיים שיינער הי"ו פון טראנטא, גלילה הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' מנחם מענדל יאראסלאוויטש הי"ו פון לעיקוואד.

נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען אין היכל הכוללים צו די 'מילכיגע סעודה' משולב מיט'ן קידוש לכבוד די יארצייט פון משפחת רבינו הק' זי"ע.

דער רבי האט געמאכט קידוש, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ג ר' חיים יעקב סג"ל גאלדשטיין שליט"א פון מאנסי. מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים לכבוד היום, דער רבי האט טועם געווען און געטיילט שיריים פון די קרעפלעך.

⋄

שפעטער איז דער רבי אריינגעקומען צום עריכת שלחן הטהור די 'פליישיגע סעודה' בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש אינאיינעם מיט די אורחים החשובים. הגבהת הכוס צו קידוש הרב דוד יודא לאנדאוי הי"ו פון מאנסי, צווישן די ניגונים זענען מכובד געווארן הרה"ח ר' חיים יחזקאל שרגא לאנדאוי הי"ו פון וומסב"ג.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הגה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א, ר"מ בישיבה"ק תפארת משולם פייש ניו יארק, שיר המעלות הב' זאב דוב סג"ל שווארץ נ"י פון בארא פארק.

## ליל ב' דיום טוב

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און מעריב. נאכן דאווענען איז דער רבי ארויף אויפן ארון הקודש און געוואונטשן 'א גוט יו"ט' פארן גאנצן ציבור.

ביים טיש זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש החתן מאיר יצחק פישער הי"ו משב"ק. צווישן די זמירות'ן איז מכובד געווארן הרה"ח ר' נחמי' אלתר ראזענצווייג הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"צ רבי ישראל מרדכי סג"ל שליט"א. נאכן טיש האט מען געטאנצן רננו צדיקים און ובאו כולם.

## יום ב' דיום טוב

צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק, צו שחרית איז צוגעגאנגען הרה"ג רבי חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, נאך שמונה עשרה האט דער רבי פארגעזאגט הלל ביים עמוד מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען: כהן כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, לוי מו"ה זיידא ישראל חיים סג"ל קרויס הי"ו חבר הנהלת הכולל, שלישי מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו פון קרית יואל, רביעי מו"ה מרדכי ארגעל הי"ו, חמישי הרה"ג ר' שמשון פויגעל שליט"א. הגבה אויפן ערשטן ספר מו"ה יהוסף מרדכי מערמעלשטיין הי"ו פון מאנטריאל, גלילה הב' בן מוה"ר יואל מערמעלשטיין הי"ו תלמיד ישיבה גדולה. פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה אויפן צווייטן ספר מו"ה שאול יחזקאל מערמעלשטיין הי"ו, גלילה הב' בן מו"ה יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו.

דערנאך האט מען געזאגט יזכור, מוסף האט געדאווענט מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו.

פארן דוכנ'ען האט דער רבי געוואשן גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א חדב"ן.

פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר חיים אלעזר גערטנער הי"ו פון מאנסי.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל הטישן אינאיינעם מיט די אורחים החשובים, זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר ישראל יעקב לאנדאוי הי"ו פון מאנסי. ברהמ"ז על הכוס הרה"ג ר' משה אלי' רובין שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, שיר המעלות הב' טובי' אלימלך סג"ל שווארץ נ"י פון וומסב"ג.

נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב דוד יודא לאנדאוי הי"ו פון מאנסי.

נאך א קורצע הפסקה איז דער רבי צוגעגאנגען צום עמוד לאמירת כל ספר תהלים מיט א געוואלדיגע התעוררות, א באזונדערע פלאץ איז געווען ביי צפון זייט פונם ביהמ"ד, וואו די ילדי תשב"ר האבן אינאיינעם געזאגט תהלים אונטערן מנהל הרב אברהם לייב ראזענבוים שליט"א, מיט די געטרייע עוזרים ומסייעים, ווי די קול הצאן קדשים האט אפגעדונערט אינאיינעם מיטן התלהבות פונעם גאנצן ציבור, און מען האט זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס.

פאר קאפיטל צ' איז דער רבי אריבער צום מקום מיוחד

פון די קינדער, און זיך אמגעקוקט מיט א קענטיגע הנאה

## מוצאי יום טוב

נאכ'ן זמן האט מען געדאווענט מעריב, דער רבי איז צוגעגאנגען צום עמוד.

נאך מעריב האט מען געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ"ד הגדול, דערנאך איז דער עולם אריבער וואונטשן א גוטן חודש.

דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס איז מכובד געווארן מוה"ר משה הערש ברוין הי"ו פון קרית יואל

דערנאך איז פארעקומען די געהויבענע "מעמד ברכת הקודש" בהיכל ביהמ"ד הגדול, וואו מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים בדביקות ובהתעוררות.

**דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש בהדרכת הזמן, איבער קדושה וטהרה וגדרים וסייגים, פונקט ווי ביי קבלת התורה האט געדארפט זיין הגבל את ההר וקדשתו, איז דאס א נצחיות אזוי ווי די קבלת התורה איז א נצחיות, דארף מען אפהיטן אונזערע שטובער און ח"ו נישט אריינברענגן די אלע כלים הטמאים וואס די רבנים האבן גע'אסר'ט צו האבן אין שטוב. און טאמער היט מען נישט אפ די אויגן פון קוקן ווי מען טאר נישט, וועט די אויגן נישט זוכה זיין צו זעהן, די אורות וואס וועלן זיין ווען משיח וועט קומען. אידן דארפן דאך אזוי פיל ישועות ורפואות, דארף מען טון א אתערותא דלתתא, דער אייבערשטער געבט אונז די כח זיך צו שטארקן, מען דארף נאר פרובירן און אנהייבן אביסל, והבא ליטהר מסייעין אותו.**

**אזוי אויך דארף מען זיך מחזק זיין מיט קביעת עתים לתורה צופרי און ביינאכט, ובאו כולם בברית יחד, נעשה ונשמע אמרו כאחד, פונקט ווי אחד וואס איז מרמז אויף קריאת שמע, וואס מען איז מחויב צו ליינען קרי"ש צופרי און ביינאכט, די זעלבע איז מען מחויב מיט לימוד התורה, צופרי און ביינאכט. און אז מען קומט אין ביהמ"ד לערנען געבט דאס צו א מורא'דיגע כח הרבים, אנדערע וועלן זיך אפלערנען, און אזוי ווערט אויפגעהויבן די כח התורה, וואס דאס איז מגני ומצלי בעידנא דעסיק ובעידנא דלא עסיק.**

**אזוי אויך דארף מען זיך מחזק זיין אין עבודת התפלה, אלעס קען נאר זיין דורך תפלה, פאר דעם איז די יארצייט פון דוד המלך ע"ה אין יום טוב שבועות, צו מרמז זיין אז צו די כח התורה מוז אויך זיין תפלה, וואס דוד המלך ע"ה האט מחבר געווען די ספר תהלים, און מען דארף וויסן אז ווען מען זאגט תהלים זאגט דוד המלך ע"ה מיט צוזאמען מיט אים, ווי מ'זאגט אין די יה"ר כאילו אמרם דוד המלך ע"ה בעצמו, דאס איז די שפתותיו דובבות פון דוד המלך. און ביים דאווענען זאל מען קומען אין ביהמ"ד צייטליך און מיטהאלטן דאס דאווענען אויף איין פלאץ פון אדון עולם ביז אדון עולם, אזוי ווי רבינו הקדוש זי"ע פלעגט שטענדיג צו פאדערן. און אזוי וועלן מיר זיך קענען האלטן ריין און הייליג, און זוכה זיין צו אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות ביזן ביאת גואל צדק בב"א.**

תיכף דערנאך האט זיך די גאנצע ציבור ארויסגעלאזט אין פריילעכע ריקודין בשירה ובזמרה בתופים ובמחולות פאר א לענגערע צייט, לויבענדיג דעם אויבערשטן פארן האבן די זכי' צו דערלעבן אזא הייליגע יום טוב בצל הקודש.

דערנאך האט דער רבי געוואונטשן פארן גאנצן עולם 'מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס', און מען האט ארויסבאגלייט דעם רבי'ן אויפן ניגון ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור.

## מיטוואך פר' נשא – אסרו חג

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען צום שטוב פון הרה"ח ר' יצחק יהודה לייבוש מערמעלשטיין שליט"א מראשי קהלתינו הק', ווי עס איז פארגעקומען די מעמד סיום כתיבת האותיות פונעם ספר תורה, דער רבי האט אריינגעשריבן די לעצטע אות און געמאכט א לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו

דערנאך איז מען ארויס צום גאס בתופים ובמחולות אויפן וועג צום ביהמ"ד הגדול, דער רבי האט געטאנצן מיטן ספר תורה ברחובות העיר. שפעטער האט מען אריינגעברענגט די נייע ספר תורה אין ביהמ"ד הגדול, ווי דער רבי האט געטאנצן אינאיינעם מיט הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש שליט"א, און עקסטער מיט די בני משפחה, אחיו וגיסיו ובניו וחתניו החשובים.

דער רבי האט פארגעזאגט לדוד מזמור און מזמור לדוד, און מען האט אריינגעלייגט די ספר תורה אין היכל.

◇

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך.

דערנאך האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים סעודה של מצוה לכבודה של תורה בהיכל ביהמ"ד הגדול, און געוואונטשן לחיים.

נאך מנחה ומעריב איז פארגעקומען בחדר הפרטי בביתו נאוה קודש די שמחת התנאים פון החתן מאיר ני"ו בן מוה"ר חיים יואל פריעדמאן הי"ו פון בארא פארק, עב"ג בת מוה"ר משולם זושא אונגאר הי"ו פון מאנטריאל, חתן הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס הי"ו.

דער רבי האט געליינט די תנאים, געטרינקן און געוואונטשן לחיים, פאר די חתן און מחותנים ובני משפחה, און מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים.




## מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורה שע"י קהילתינו הק'

### = פרשת בהעלותך =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק נשא | יג. | ט: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | יג: | י. | עד: | עא. |
| מאנטאג | יד. | י: | עה. | עא: |
| דינסטאג | יד: | יא. | עה: | עב. |
| מיטוואך | טו. | יא: | עו. | עב: |
| דאנערשטאג | טו: | יב. | עו: | עג. |
| עש"ק | טז. | יב: | חזרה | חזרה |

**בחינה הבאה ביום א' פרשת בהעלותך**

מס' שבועות-עבו"ז: מ:-ט: | מס' בבא בתרא: ס:-ע:

## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א

דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

079.704.0074 | 0.333.015.0715 | 514.500.8674 | 718.451.8674

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת מכות (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
בספר תהלים
בחבורת "לומדי תהלה"
42 פון די מעין מעניו


יר"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי
טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**